Chase away the spirit with accusations of silence, [no sound]
And with its head grow taller, taller,
Until its head will ensconce itself in *Keter*,[43]

---

[41] In the rabbinic myth of the androgyne, it is God who separates first double-human. In Zeitlin's original adaptation of the myth, the separation is caused by the serpent and the eating from the Tree of Knowledge.
[42] Genesis 1:26.
[43] On being crowned by God, see BT *Megillah* 15b: "Rabbi El'azar said in the name of Rabbi Hanina, 'In the future the blessed Holy One will be a crown upon the head of every righteous person, as is said: *On that day YHVH of hosts shall become a crown of beauty* [*and a diadem of glory for the remnant of His people*] (Isaiah 28:5).'"

The crown of *Ancienta*.[44]
There shall the countenances-head—the colossal bounteous two-self
Unveil two eyes that are one,
Open wide two mouths that are one:
"Here I am and here I stand!
Do with me what you desire, primordial will![45]
Lead me as you desire, O head that lays the *tfill-in*!
Renew me completely, you highest consciousness, *mohin*![46]
Create something new, create a novum—you have my two heads right here,
Standing here in height's elevation,
And both are only one,
Only one, only one, only one"…

-------

At that time shall begin
A never-been-before monumentality.
The old wine barrel—will lie empty,
God will uncork a new barrel of wine, [primed and ready,][47]
A world without evil and without sexuality,
The world of after-world shall it be!

X

The woman adorned herself in her ultimate femininity,[48]
Gird her soft loins with flame,
Thrust out her breasts like towers of desire [and avidity]—
And set out for God's domain,
For God's waters, for God's domain, to search for man!

The woman pushed the men away from her,
Who, like slaves, used to follow behind her train,
And set out to find thunder,
To seize her by all her braids,

---

[44] "Atiqa," the Ancient One, another name for *Keter*.
[45] "Uronheybdiker viln"; another kabbalistic term for *Keter*, which is often designated "ratson / ra'ava," meaning "will, desire."
[46] "Mohin"; Aramaic for brains, but used in Lurianic kabbalah to describe both divine and human consciousness. In many kabbalistic texts the term is associated with tefillin.
[47] On wine as a metaphor for the ultimate good awaiting the righteous in the world to come, see BT *Berakhot* 34b: "What is implied by the verse: *No eye has seen*, [*O God, but You, what You will do for one who awaits you*] (Isaiah 64:3)? Rabbi Yehoshu'a son of Levi said, 'The wine preserved in its grapes since the six days of creation.'" See also BT *Sanhedrin* 99a.
[48] Literally, "deepest womanhood."

Her seven braids, the noble braids—and raise her up!

She forsook the cold night-beds—
Away from menfolk to the giant;
From foolish and sick-rotten males,
Ran away with mighty feet,
Ran away with mighty feet to the whole man!
She wants to plant her vineyard anew,
Not in human-earth, but in a volcano,
And searches for her man, and searches for her child—
And searches for her man, the whole man, the whole man!

The man stretched out his hands like arrows,
Lowered his head, like before his predestined,
And keenly placed his ear to the ground,
And listens quiet-hunter like to the earth's secret:
He wants to capture woman!

The man peeled off from himself the women,
Like weathered plaster from a ruin,
And set off in search of summer,
To invigorate him, greener than green,
To enrobe[49] him greener than green from head to heart!

From wives heavy-blooded with night and bodies,
From half-made-male, whining cats—
Away, away was he, and cursed
The joy of affection, the joy of bed, the dead joy!...

From putrefied blood, blood of contamination,
Abiding for generations without permanence, without continuance, [no life],
Like from a sudden menacing conflagration,
Purposefully away was he to the whole wife,
Joyously away was he to the whole wife, to the whole wife!...

XI

The new world-clock,[50] set on high,
Resounds over trumpets,
Crashes over cymbals,

[49] "Fartalesn"; a neologism, meaning to cover with a *tallis*.
[50] The "veltzeyger" motif appears in Greenberg's "Velt barg-arop" in *Khalyastre* 1 (1922): 7.

Counts off with two hands—*Hesed* and *Gevurah*—[51]
The hour of tidings, [hoorah],
And says as follows:
"Belief, your belief in the devil—stone [and stun]![52]
One!
And may you suffer no anguish, O lower-world,
And to the ultimate passing
Proceed through—
One, two!
Your God does not rest, and what's new—wants to pass [and flee],
For newer than new
Will it be—
Two, three!
Three does not rest until it comes upon four,
And from woman, man and child
Wishes to be born universal man—God's sole ornament [evermore]!
Three, four!
And terror's eyes shall close, [no longer transfix]—
Its fiery-eyes extinguish!
Five, six!
Then at night stands guard a son, Eternal Father,
Prince of Peace,[53] in combat awaits—
Seven, eight!
And that which exists—is gone! What is—was!
And what is becoming—is!
And what is becoming—happens!
Nine, ten!
And everything that's divided from outside—unify!
Unify!
Eleven, twelve—
And one again [comes by]!"[54]

---

[51] Love and Might, the right and left arms of the sefirotic structure.

[52] See Zeitlin's comments to Niger in his 1922 letter discussing *Metatron*: "And the belief in the devil, that six thousand year old belief which the emptiness hypothesis created as a matter of fact—is done for, that belief in soot-black nothing!" (Szeintuch, *Aaron Zeitlin and Yiddish Literature*, 101). Killing the devil also features in *Metatron*, 19.

[53] See Isaiah 9:5: *For a child has been born to us, a son has been given us. And authority has settled on his shoulders. He has been named "The Mighty God is planning wonder; the Eternal Father, a peaceable ruler."* The Hebrew word for wonder is "pele," an anagram of "aleph," the letter associated with *Keter*.

[54] In Yiddish, the final word of the poem is *eyns*, one. As noted in my discussion, this entire stanza is a messianic "re-write" of one of the central scenes in Peretz's *At Night in the Old Marketplace*.

# כּתר: פֿראַגמענטן פֿון אַ ראַפּסאָדיע

I

די לעצטע קליפּה רײַסט צו אַ געלעכטער אויף דאָס מויל
און פּלאַצט אין איר געלעכטער און ס׳וועט פֿאַלן איר געבוי,
ווען אויפֿנאַקעטן וועט זיך דאָס פּילקליידיקסטע: די פֿרוי,
די עלטסטע, די פֿאַרשטעלטסטע פֿון פֿאַרשטעלטקייטן: די פֿרוי.

מיר האָבן שוין געגראָבן אין דער חושכדיקסטער שאַכט,
שוין צוגעלייגט ס׳געהער צום ווייכסטן פּולסקלאַפּ פֿון די נעכט,
און איינס איז אונדז געבליבן נישט־דערהאָרכט און נישט־דערדאַכט:
דאָס שטילסטע און פֿאַרשטומטסטע — דאָס געהיימ׳ניש פֿון געשלעכט.

די עלטסטע פֿון מחיצות, ווײַט צעוויגט פֿאַר אונדזער אויג,
די עלטסטע און די שטאָלצסטע — איז דער שפּיגל־תּהום דער פֿרויס!
דו שפּיגל־תּהום, ווי ווילן מיר דערשפּיגלענען דײַן תּהום,
אין נאַכט צו דיר אַרײַן און פֿון דײַן דרויסנגלאַנץ אַרויס!

אַן אַלוועלט־אַלף ווילן מיר באַקומען פֿון דײַן תּוו,
אין נאַכט צו דיר זיך וואַרפֿן מיט אַ נײַעם „יהי אור!“
געבויר מיט אונדז דעם ילד־שעשועים — און מיט אים
*זאָל אויפֿהערן געשלעכטיקייט!* אָ שרעקלעכע, געבויר!

אָט צינדן זיך שוין אויגן פֿון אַן אויפֿגעוועקטן יש,
דער תּיקון־טאָג — ער לוגט שוין דורך אַ שפּאַלט פֿון אונדזער לאָד,
און כּתר־שבכּתר זיצט אים אויבן אויפֿן קאָפּ,
זיצט ליכטיק־שבליכטיק, ווי אַ פּערל ווײַסער ראָד.

אָ כּתר־שבכּתר! דרײַצן קריצן אין זײַן לײַב,
ווי דרײַצן שטאַרע בליצן, יעדער קריץ אין אים — אַ בליץ,
ווי ווײַסיקייטן דרײַצן, ווי די קריצן פֿון אַ שווערד —
שוין פֿאַלט אַ הויכער ברעמענוווּנק אַרונטער פֿון זײַן שפּיץ.

דער ווּנק איז אַ באַפֿעל, וואָס רירט דיַין טיפֿעניש, אָ פֿרוי!...
צעקנוידערטע פֿאַרבליפֿעניש טראָג אונטער אַ באַזונטס,
אַן אַלקינד סאַמע זון! און האָט אים אויסגעברענט דיַין טראַכט —
קלינג אויס דיַין פֿרייד די פֿרומסטע און פֿאַרגיי צו גליַיך מיט אונדז!...

קלינג אויס דיַין לוסט די שטומסטע — און פֿאַרהענג די הוילע הענט
אין בלויקייט פֿון פֿאַרגאַנג, ווי גלאָקן ווינקענדיקע צוויי,
און טו מיט זיי אַ פּליעסק, ווי מיט די פֿליגלען פֿון אַ שוואַן —
און לאָז דיך אויס! מיר אַלע — הויך אַ פּליעסק און אַ פֿאַרוויי!...

די לעצטע קליפּה ריַיסט צו אַ געלעכטער אויף דאָס מויל
און פּלאַצט אין איר געלעכטער און ס׳וועט פֿאַלן איר געבוי,
און פּלאַצט אין איר געלעכטער און ס׳וועט זיַין נאָך איר אַ ליכט,
ווען אויפֿנאַקעטן וועט זיך דאָס פֿילליַיביקסטע: די פֿרוי...

II

קינדער פֿון שטח, פֿאַרחושטע גיגאַנטן פֿון חומר!
אויף מיַינע פֿונאַנדערגעוואַקסענע וועגן
רוט איר צעזעגן,
ווי אָפּגעשטומפּט־זעג־פֿאַרגעוואַלטיקטע בוימער
מיט גוף סענקעוואַטן...
דורס איך איַיך — און איך ווייס נישט, ווי האָב איך געטאָרט
איַיך, בן־פּקועהס אָן טאַטן,
אָנרופֿן *אָרט*!
לעמורן,
פֿאַרגרימאַסעוועט שטאַר, ווי אַ שלאָפֿמומיע פּרעהס!
פֿיגורן
מיט וואָנציק־געצירקלטע עקן, פֿאַרדרייטע טיאַרעס!
קובן, קוואַדראַטן,
עליפּסן!
פֿייגל איר אויסגעשטאָפּט־טויטע, וואָס קענען נישט פּיפּסן!
איך האָב איַיך די יאָרן, דוממשע יאָרן פֿאַרקירצט,
פֿאַרקירצט!
מיט אַעראָפּלאַנען און מיט טעלעגראַפֿן,
מיט דראָטן, וואָס לויפֿן די וויַיטסטע געלאַפֿן,
האָט מיַין האַנט, ווי מיט שטריק, איַיך געגעבן אַ שטיק, —
ביז וואַנען *ז׳* האָט איַיך געשטירצט,
געשטירצט!
ענג האָבן די שטריק זיך פֿאַרשטריקלט אַרום איַיך,
צו מאַכן נאָך טויטער ווי טויט און נאָך שטומער ווי שטום איַיך:
זענט איר געפֿאַלן — און פֿאַלנדיק האָט איר געבוירן

פֿון אונטער די שטריק
מוזיק!
אײַער גאָרנישט־מיט־נישט איז געוואָרן געווירן!
איצט טאַנץ איך אויף אײַערע גופֿים! איצט שטופּט מיך צום גרייטן!
נישט איך, אײַער קין, וועל גיין אײַך באַקלאָגן,
געממיתטע קינדער פֿון חומר, איר לענגען און ברייטן,
קוואַדראַטן אָן טאַטן און קרײַזן ווי רעדער אָן וואָגן!
פֿאַרקערעווען וויל איך אין גאָט, ווי ס׳פֿאַרקערעווען שיפֿן אין האַפֿן!
ריטמען פֿאַרשלינגען מיך! צאָלן! צירופֿים! יצירה!
מיט צאָלן האָט גאָט מיך באַשאַפֿן!
זעט, קומען וויל נײַע באַשאַפֿונג, — און אירע
צאָלן — זיי צאַפּלען בײַ צײַטנס אַרום מיר:
דאָס זענען די פֿייגל, וואָס זינגען מיר אויס
דעם אויפֿשטיי פֿון שטאָל שטאַרקן שטייער און שטומער —
*מײַן דענקמאָל, דער מענטש איבער מענטשן*...

III

שטחס און אָרטן — געפּגרט! זיי ליגן ווי פֿעלכלער פֿון מײַז,
בלוי־צעביסענע פֿעלכלער, אין רינשטאָק פֿאַרוואָרפֿן — און נײַס
קומט איבער אַלץ, איבער פּגר און ביין,
איבער שטיין,
איבער גליק און געוויין,
איבער גאָון און איבער אידיאָט,
הייס אָפּגיסן מיט גאַנצע אָקעאַנען גאָט
דעם ערדישן פֿאַרקילטן גלאָב!
און יאָרן פֿון *אלף־השישי*, וואָס טראָגט זיך גאַלאָפּ,
ווי אַ שטיק געפּלאַצט געדולד,
צום *אלף־השבֿיעי* אַזוי מין דערפֿרייט און צעדולט,
אָן קאָפּ, —
איצט איז די *צײַט* מיר אַ מלכּה פֿון מלכות,
מײַן *באַלקיס*,
און ווער ס׳וויל זי אָפּשטעלן — איז מיך מטמא!
אויסגעקריצט שטייט אין מיר: „מענטש —
*דינאַמאָ!*“
כ׳בין פֿילם
פֿון עתּיקא־קדישא —
און האָב מיך צעברומט און צעוואָרפֿן, ווי אַ ייִד אויפֿן תּהילים,
איך מענטש פֿונעם אלף־השישי!
אַ רגע, אַ רגעלע נאָך —
ווער איך צעמאָלן.
וואָס זשע אַרט מיך? — אַ פֿאָך

טו איך אויף אַלע מיליאָנען זײַטן דער וועלטס
קוק מיט דרײַ אויגן, ברעך אָפּ פֿון מײַן לײַב
מײַן פֿוס — דעם שלעפּיקן שטעלץ,
און בלײַב
אין העכערע לופֿטן אַ צאָל צווישן קינפֿטיקע צאָלן…
אָ פּאַטאָס פֿון מײַן צײַט! אָ ריטעם דו פֿון ריטמען!
*איצט שטאַרבט מען נישט — איצט פֿליט מען!*

## IV

איצט שטאַרבט מען נישט — איצט פֿליט מען!
אָ וועלטקינד, דערקען!
אויב נישט איצטער געפֿרייט זיך —
טאָ ווען?
צוקאָפּנס דיר, לעבן געבליבענער, דרייט זיך,
אין ווירבל פֿון בלוט און פֿון שטראַל,
דאָס שלאַכטפֿעלד־געפֿאַלענע פֿאָלק פֿון מיליאָנען,
אַ *מענטשהייט אַסטראַלן*:
עסן דײַן עס
און טרינקען דײַן טרונק.
זעסט זיי, אַלט און יונג,
דרויסן אין קאַפֿייהויז, אין קיך צווישן ברודיק געפֿעס,
אין אונטערערדישע מעטראָס, דורך אַלע
קרימען, אַלע אויבנקייטן, אַלע טיפֿן,
און צווישן קוימענס פֿון סאַפּענדיקע שיפֿן,
ווּ וועלט האָט אַן עק נאָר
און ווּ זי האָט נישט.
זיי אַלע
לאָזן פֿאַלן אַ שאַלונג: „עס האָט זיך געאַנדערשט!
אונטן געאַנדערשט,
אויפֿן גאָרן דעם סאַמע אונטערשטן;
אויבן געאַנדערשט,
אויפֿן גאָרן דעם סאַמע אייבערשטן, —
און מיר,
אונטן און אויבן זיס־זענעפֿטיק שוועבנדיק,
גלײַך אַז די וואָגשאָלן,
האָבן געזען דאָס, געזען!…
אָנגעקוקט האָ׳מיר דאָס הויז!
גרויס איז געווען דאָס באַשטראַלונג!…
טוען מיר טראָגן דורך ס׳באַנק
אַ הימלונג, אַ גליקלעך געקלאַנג,
אַ שאַלונג, אַ שאַלונג!…

טוען מיר קלינגען דיר, וועלט,
זאָגט אונדזער קלאַנגונג אַזוי:
זיך איבערגעטוישט די אַטאָמען!
זיך איבערגעטאַשט די אַטאָמען!
זיך איבערגעטאָן די אַטאָמען
אין פורסטע לבֿושין,
אין דינסטע לבֿושין,
אין בליִענדיקסט־פֿורסטע און דינסטע לבֿושין...
און דרום — בענעדײַט, עולם־תּחתּון!
געבענעדײַט!
ס׳הויערט פֿאַרטומל און אייטל צעשייד וויל דיך טרעפֿן,
איידער עס גיט זיך אַן עפֿן
דאָס פֿופֿציקסטע טויער צו איינציקסטער אַחדות,
און נאַכט שלאַנגיש־גרינע וויל נאַכטן,
און טיף אין שאול־תּחתּית
וואָלט מאַנסבילד אַנטגאַנגען פֿאַר ווײַבסבילד און ווײַבסבילד פֿאַר מאַנסבילד, —
אַ סימן, אַז ס׳נענט שוין פֿון ליבע די צײַט,
ווען פֿון ליבעס און לײַב שישים ריבוא
טוט ווערן איין ליבע,
ווערן איין לײַב —
געבענעדײַט, עולם־תּחתּון,
געבענעדײַט!"
אַזוי גייט געשאַל,
דזין־דזיניש צעקלאַנגט,
דורך דין־דינע לופֿטן,
דורך לופֿטן דורך שווערע,
דורך ברייט,
דורך לאַנג!
גייט,
דערלאַנגט
ביז צו דער חושך־מצרימשער שטאַל,
ווּ ס׳שטייען דער וועלטס מרה־שחורהס די אַלטע,
קליאַטשעס אַ שלל,
קלאָגקליאַטשעס בלינדע, און שלוכצן
האַרט פֿאַר דער פּגירה.

אין שווייסיקן פּחד פֿאַר וועלט־אונטערגאַנג,
אויערן אָנגעשטעלט גלאָקיק דערשראָקן,
פּיס — קדחתדיק קראַנק,
ווי צעבראָכן,
שלוכצן זיי בלינד אין דער שוואַרצסטער פֿון שטאַלן...
נאַרישע פֿינצטערקייט ווײנט,
ברעכט זיך די בראָכהענט: „פֿאַרפֿאַלן!"...

— „נישט אונטערגאַנג, איבערגאַנג איז!“ —
שאַלן אויס אין פֿאַרבײַפֿלי צו איר
די אַסטראַלן...
שאַלן — און מערן זיך, מערן,
שטראָמען אָן פֿון אומעטום, ווי ווייַן פֿון פֿעסער,
ווערן
איין צוזאַמענקייט מיט אונדז, איין שטערן,
מיט אַ שליסל, אַ גאָלדענעם שליסל צו כּתר...
וויגן מיר זיך אום מיט זיי צוזאַמען וויזאַווי
דעם אייביקן *אָט־אָט*,
וואָס ציטערט הינטער תּפֿילות אָן אַ ווען און אָן אַ ווי
און ווערט גענאָמענט: *גאָט*.
ווי טומלדיק, מיתה־משונהדיק און טאַנציק!...
און אָט דאָס וויגן זיך *צוזאַמען* הייסט:
נײַנצן הונדערט צוואַנציק, איין און צוואַנציק,
דרײַ און צוואַנציק, —
אָ, צוקונפֿטס טיפֿע טרייסט!...

## V

אָ,
גאָרוועלטיקער עקראַן דו, וואַקל־שאָקלדיק־פֿאַרווישט!
צווישן איבערמאָרגנדיקן *יאָ*
און איצטיקן *דערווײַל־נאָך־נישט*
רעפֿלעקטירן מיר דורך דיר און ציטער־צאַפּלען...
טאָ הער, דו עקראַן מיט פֿונאַנדערגעוועלגערטע גווילין!
אַזוי האָט בײַ זיך, בײַ זײַן אייגענעם ווילן,
כּתר געשווירן:
נישט טויטס וועסטו מפּלען —
וועסט געוואַלטיקס געבוירן!

## VI

זינט כ׳האָב געצן פֿון שטח צעבראָכן ווי ליימענע טעפּ —
טראָג איך נאָך אין געלאַף און גערודער און בײַט
מיט מײַנע צען פֿינגער פֿון גײַסט דײַן גיגאַנטישע שלעפּ,
צײַט!
זינט כ׳האָב די פֿיר טיתן:
טרערן און טײַוול און טרויער און טויט —
געאות־קינט, פֿאַרשיקט פֿון מײַן עלמא־דקשוט
און אויסגעברענט גרויזאַם פֿון מײַנע מעת־לעתן, —
וויל איך דיך, פֿיל איך דיך, כאַפּ דײַן פֿאַראַניקייט אָן!

נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז דו קלעקסט מיר נאָך אַלץ אויף איין צאָן?
ער, ווי אַ ים,
ווי אַ ים אָן אַ דאַם, ווי אַ ים, וואָס צעוואַשט יעדן פּגם,
וואָלט איך געוואָלט דיך צעגיסן אויף לענדער און לײַט,
צײַט,
און טיף אין דײַן קאָסמישן קעסל אַרײַנוואַרפֿן הימל און ערד,
זיי זאָלן זיך דאָרטן אַ באָד טאָן, ווי זומער אין טײַך
פֿאַרשוויצטע פֿערד!
זיי זאָלן זיך אויסבאָדן, אויסמישן דאָרטן,
דערוואָרטן
אַז פֿון יענעם געמיש דעם געהיימסטן און אַלערלייסטן
זאָל אויפֿקומען נײַס, וואָס איז גליק און וועט טרייסטן.
דו, מוטער, טו שטאַרבן אין אימפּעט
פֿון רעווענדיקן קימפּעט,
ווי קראַנקע און קרעציקע פֿיך, —
נאָר — סקאָצל גאָר דער וועלט! פֿאַר דײַן אורבליצלינגן פֿאַרשווינד
לאָז אונדז ירושה נאָך זיך
אַ קינד!
*לאָז אונדז ירושה אַ קינד!...*
און נאָך אַ מאָל: גלײַך ווי אַ ים,
ווי אַ ים אָן אַ דאַם, ווי אַ ים, וואָס צעוואַשט יעדן פּגם,
ווי אַ ים זונדער באָרטן,
דערוואָרטן,
אַז אַלץ זאָל זיך אויסקאָכן נײַ אין דײַן קאָך,
וואָלט איך דיך אויסגיסן, צײַט, אויס און אײַן,
אָבער און נאָך,
און דערנאָך דיך צונויפֿצִיען ווידער, דו זאָלסט אין דײַן קליינקייט אַרײַן,
ווי אַ מויז אין איר לאָך,
און ווערן אַ *נישט־צײַט*,
ווערן אַן אומגעדולד, אומגעדולד סאַמע און נישטקייט,
אַ פּוסטעניש אַ הוילע און אַ הייליקע,
אַ קײַלעכדיק־פֿאַרשלאָסענע, נישט־טייליקע,
אַ לעצטער אָנהייב פֿון אַ לעצטער ערע —
אַ *זעראָ*!
באַווײַל ווען דו, צעהיצטע, וועסט אַוועק
און ס׳וועט נישט זײַן קיין צײַט מער אויף צו וואַרטן —
וועלן מיר ווערן אַן איינס פֿון דאָס נײַ, מיר מיליאַרדן,
אַן אַנדרוגינוס וועט פֿון אונדז אויפֿשטיין, פֿאַרפֿלאַנצט ווי אַ בוים אויף זײַן פֿלעק!
און די הילכדיק־העכסטע און האַרבסטע פֿון העק
וועט זײַן *אחד* נישט קענען צעשטיקלען:
זײַנע קליידער און וויקלען —
שטיין,
און ער, דער באַרוטער, אַליין —

העלער שטיין.
געוואַלטיק און שטראַלדיק און שמשונדיק שיין —
העלער שטיין.
אים צו די פֿיס —
אַלץ.
און ער, רו און ריז, —
איבער אַלץ.
ער קוקט און פֿאַרשטייט
אַ וואַרטנדיק, שטום פֿאַרשטיין.
ער שטייט —
און איז שטיין.

VII

זאָל אָנגיין אַלץ מער מיט דער גיכיקייט —
נאָר־נישט ניכטער און נאָר־נישט געזעצט!
ווערט משוגע אין גאָט!
ווערט ראַפּסאָד!
זאָל ווערן ביז לעצט
די שווערע, די שוואַנגער־געשוואָלענע קריכיקייט
צעזעצט
וואָס מער יעצט!
וואָס מער רגע און ראַפּטעם!
וואָס נישט־דערכאַפּיקער ס׳ווערט דער באַוועג
(פֿאַרצווייפֿלט קרעכצט קריכיקייט: כאַפּט אים!) —
דאָס נענטער צום אַלץ און צום אויסגאַנג פֿון טעג,
דאָס ווײַטער פֿון איכיקייט...

צײַט!
איצט טראָג איך די שלעפּ פֿון דײַן קלייד בלויז, אַ נאַרישער פּאַזש,
נאָר כ׳גאַר דיך באַגוועלטיקן, מלכּה, און רײַטן מײַן רײַט
ראַש,
מיט דיר זײַט בײַ זײַט!
פֿאַרצי אים, פֿאַרקנויל, דײַן גאָרוועלטיקן דרים,
און פּלוצלינג לאָז לויז זײַנע פֿעדעם און קנוידער פֿונאַנדער!
אָן איטלעכן פֿאָדעם
וויל זיך אָנכאַפּן אָדם,
זון פֿון אלהים,
זיך אָנהאַלטן אָן אים, ווי אָן זײַן אָדלער — אַלעקסאַנדער,
און דעם סוד פֿון די איצטיקע יאָרן דערגרייכן,
וואָס זענען שוין מכין
זײַן פֿרײַסטע באַפֿרײַונג —
*באַפֿרײַונג פֿון פֿילקייט,*

*פֿון געשלעכטיקער צווייונג און דרײַונג!*
ווי און ווען וועט דאָס זײַן? — דאָס וועט זײַן, אַז די שנעלקייט
דערהערט: זי איז שטילקייט,
דערקענט איר געשטעלטקייט.
דאַן
קומט אויך אויף *דיר*, צײַט, אויף דיר, אַמאַזאָנע, אַ סוף:
ליגסט קאַלט און צעבראָכן — אַ בלוילער־קאַלט שטיק פּאָרצעלאַן,
און מיט דיר ווערט פֿאַרטיליקט דער סימן דער לעצטער פֿון שטאָף.
ווײַב און מאַן
ווערן דאַן איינציקער, אייניקער,
שטייעוודיק־שטייניקער
גאָטס מאָנומענט,
און דײַן ענד
ווערט אָנהייב פֿון עפּעס, וואָס לאָזט זיך
מיט אַלעם פֿריִערדיקן נישט גראַמען.

VIII

עס האַלט אין זעקסטן אלף נאָך,
דערווײַל איז אַלץ נאָך פֿרײַטיק,
נאָר זיבעטע הנהגה קומט,
דער שבת ווערט שוין צײַטיק.
　　דער שבת, דער שבת,
　　דער שבת ווערט שוין צײַטיק...
וואָס בײַטעוודיקער, אַנדערשער —
אַלץ תּיכּפֿער און נענטער!
און האַלט בײַם טאָג דעם זיבעטן —
ווי ווײַט איז שוין דער צענטער?
　　ווי ווײַט שוין, ווי ווײַט שוין,
　　ווי ווײַט איז שוין דער צענטער?...
און שטייט דער טאָג דער צענטער אויף,
דער אלף־העשׂירי —
ווערט אונדזער ספֿירה אויסגעלאָזט
ווערט אויסגעלערט די ספֿירה.
　　אויסגעלערט ווערט, אויסגעלערט,
　　אויסגעלערט די ספֿירה...
דער אָדם זעט זײַן חווהקייט,
די שלאַנג וויל נישט פֿאַרמיטלען,
די חווה זעט איר אָדמקייט —
און וויל זיך שוין נישט דריטלען.
　　און וויל נישט, און וויל נישט,

און וויל זיך שוין נישט דריטלען.
מיט אים, דעם כּולא־עלמא־מענטש,
זײַן האַנטווערק אויף צו רימען,
וועט לייגן תּפֿילין גאָלדענע
דער סתּימא־מכּל־סתּימין...
וועט תּפֿילה טאָן, וועט תּפֿילה טאָן,
דער סתּימא־מכּל־סתּימין...
און ס׳הייבט שוין אָן צו הייבן זיך —
און איצט איז די אַתחלתּא.
און גאָרנישט איז פֿאַרשטענדלעך שוין!
געהרגעט ליגט דאָס אַלטע!
און גאָרנישט איז פֿאַרשטענדלעך שוין,
און איצט איז די אַתחלתּא...

## IX

און יענער אַנדרוגינוס,
דער ביז אין כּתר אַרײַן צעצויגענער,
ער וועט נישט זײַן ווי דער אַנדרוגינוס דער אַלטער,
וואָס איז אַ מאָל געשטאַנען אין גן־עדן,
איידער אָדם־חווהן האָט געטאָן צעשיידן
דער נחש־יונג דער שפּאַלטער!
אים וועט שוין נישט פֿונאַנדעררײַסן קיינער,
אַן איין־אַליינער וועט ער זײַן, אַ קינד פֿון זון און שטיינער,
און זײַנע צוויי פּרצופֿים
וועלן איינער גלײַך צום צווייטן זײַן געווענדט, —
נישט ווי אַ מאָל, ווען שטורמישע כּיסופֿים
האָבן רויכערדיק געברענט,
ווײַל נישט געקענט
האָט אָדמס פּרצוף זען דעם פּרצוף חווהס:
רוקן האַרט צו רוקן
זענען זיי געשטאַנען, זיך נישט קענענדיק באַקוקן —
און תּאווה האָט אין זיי געקײַקלט אירע לאַוועס...
*דעמאָלט* האָט די שלאַנג, וואָס איז בײַם שטאַם זיי,
בײַם שטאַם פֿון דו־פּרצופֿין־בוים געלעגן,
פֿון עץ־הדעת צוגעטראָגן עפּל זיסן סם זיי
און מיט איר טאָפּלצונג צעזעגט זיי ווי מיט זעגן;
*איצט* וועט פּרצוף זיך אין צווייטן שפּיגלענען,
איין פּרצוף וועט פֿון צווייטן שעפּן איינקייט,
אַריבער זיי וועט ווי אַ זילבער־זעגל פֿליגלענען
הייליקסטע ריינקייט.
און קומען וועט צו גיין אַ גײַסט אַ שפּאַסער,
„נעשׂה אָדם!“ — זאָגן הייזעריק און שטיל,

וועלן אָנהייבן די אַלטע שפּיל
פֿון מישן גײַסט מיט בלוט און פֿלאַם מיט וואַסער —
וועט ער, דער נײַער דו־פּרצופֿין, מיט די שטאַרקע,
שטיין שטאַרקע וואָרצלען זיך אַרײַנגראָבן אין קרקע,
דעם גײַסט אַוועקיאָגן מיט פֿאָרוווּרפֿן פֿון שתּיקה,
און מיט זײַן קאָפּ וועט ער אַלץ וואַקסן גרעסער, גרעסער,
ביז זײַן קאָפּ וועט זיך אַרײַנשנײַדן אין כּתר,
דעם כּתר פֿון עתּיקא.
און דאָרט וועט דער פּרצופֿין־קאָפּ — דער גרויסער ברייטער צווייאיך —
אויסשטעלן אויגן צוויי, וואָס זענען איינס,
אויפֿרײַסן מײַלער צוויי, וואָס זענען איינס:
„אָט בין איך און אָט שטיי איך!
טו *דו* מיט מיר, וואָס דו באַגערסט, אוראָנהייבדיקער ווילן!
פֿיר *דו* מיט מיר, ווי דו באַגערסט, אָ קאָפּ, וואָס לייגט די תּפֿילין!
באַנײַט מיך אין דער אמתן, איר העכסטע מוחין!
אַ נײַס באַשאַפֿט, אַ נײַס באַשאַפֿט — אָט האָט איר מײַנע קעפּ צוויי,
זיי שטייען דאָ אין הויכן,
און ביידע זענען איינס נאָר,
איינס נאָר, איינס נאָר, איינס נאָר“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דעמאָלט וועט זיך אָנהייבן
אַ גרויסע נישט־געוועזנקייט.
דער אַלטער ווײַנפֿאַס — ליידיק וועט ער זײַן,
גאָט שפּונטעוועט אָפּ אַ נײַעם פֿאַס ווײַן,
אַ וועלט אָן שלעכטיקייט און אָן געשלעכטיקייט,
די וועלט פֿון נאָכוועלט וועט דאָס זײַן!

X

די פֿרוי האָט אָנגעטאָן איר טיפֿסטע פֿרוישאַפֿט,
מיט פֿאַקלען אָנגעגורט איר ווייכע לענד,
די ברוסט אַרויסגעשטעלט ווי טורעמס בענקשאַפֿט —
און זיך אַוועקגעלאָזט אויף גאָטס געלענד,
אויף גאָטס געוואַסער, אויף גאָטס געלענד,
צו זוכן מאַן!
די פֿרוי האָט אָפּגעשטופּט פֿון זיך די מענער,
וואָס פֿלעגן נאָכטראָגן ווי קנעכט איר שלעפּ,
און זיך אַוועקגעלאָזט צו זוכן *דונער*,
וואָס זאָל זי אָנכאַפּן ביַי אַלע צעפּ,
די זיבן צעפּ אירע, די שטאָלצע צעפּ —
און טאָן אַ הייב!

זי האָט די נאַכטבעטן פֿאַרלאָזט די קאַלטע —
און איז פֿון מאַנסלײַטן אַוועק צום ריז;
פֿון זכרים נאַרישע און קראַנק־פֿאַרפֿוילטע
אַ לויף אַוועק געטאָן מיט שטאַרקע פֿיס,
אַ לויף אַוועק געטאָן מיט שטאַרקע פֿיס
צום גאַנצן מאַן!
זי וויל איר ווײַנגאָרטן אויף ס׳נײַ פֿאַרפֿלאַנצן,
און נישט אויף מענטשנערד, נאָר אויף ווּלקאַן,
און זוכט דעם מאַן אירן, און זוכט דאָס קינד אירס, —
און זוכט דעם מאַן אירן, דעם גאַנצן מאַן,
דעם גאַנצן מאַן!
דער מאַן האָט אויסגעשטרעקט די הענט ווי פֿײַלן,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי פֿאַר באַשערטס,
און דאָרשטיק צוגעלייגט צו דר׳ערד דאָס אויער,
און האָרכט שטיל־יעגעריש דעם סוד דער ערדס:
וויל פֿאַנגען *פֿרוי*!
דער מאַן האָט אָפּגעשיילט פֿון זיך די פֿרויען,
ווי טינק פֿאַרעלטערטן פֿון אַ רויִן,
און זיך אַוועקגעלאָזט צו זוכן זומער,
וואָס זאָל באַזומערן אים גרין אויף גרין,
וואָס זאָל פֿאַרטליתן אים גרין אויף גרין,
פֿון קאָפּ ביז האַרץ!
פֿון ווײַבער בלוט־שווערע מיט נאַכט און קערפּער,
פֿון האַלב פֿאַרזכרטע, צעקרעכצטע קעץ —
אַוועק, אַוועק איז ער, און האָט פֿאַרשאָלטן
דאָס גליק פֿון וואַרעמקייט, דאָס גליק דעם בעטס,
דאָס טויטע גליק!...
פֿון בלוטן קאַליעדיקע, בלוטן טרייפֿע,
וואָס שטעלן דורות אויף אָן האַפֿט, אָן בלײַב,
ווי פֿון אַ פּלוצלינגדיקער בייזער שׂרפֿה
אויף ס׳פֿלײַס אַוועק איז ער צום גאַנצן ווײַב,
מיט פֿרייד אַוועק איז ער צום גאַנצן ווײַב,
צום גאַנצן ווײַב!...

XI

דער נײַער וועלטזייגער, הויך פֿאַרהאָנגען,
הילכט איבער שופֿרות,
פּויקט איבער גאָנגען,
ציילט אָפּ מיט צוויי ווײַזערס, — חסד און גבֿורה,—
די שעה פֿון בשׂורה,
און זאָגט אַזוי:

„דאָס גלויבן, דייַן גלויבן אין טייַוול — פֿאַרשטיין׳ס!
איינס!
און זאָל דיר נישט, אונטנוועלט, ווײ טאָן קיין ווײ,
און ביז סאַמע פֿאַרגאַנג
גײ —
איינס, צוויי!
און עס רוט נישט דייַן גאָט, און וואָס נײַ — וויל פֿאַרבײַ,
באַווייַל נייַער ווי נײַ
וויל עס זייַן —
צוויי, דרייַ!
און עס רוט נישט דאָס דרײַ, ביז עס קומט נישט צום פֿיר,
און פֿון פֿרוי, מאַן און קינד
וויל געבוירן זייַן אַלמענטש — גאָטס איינציקע ציר!
דרייַ, פֿיר!
און פֿאַרמאַכט זאָלן ווערן די אויגן דער שרעקס —
אירע ברענאויגן לעש!
פֿינף, זעקס!
דען אין נאַכט וואַכט אַ זון און עס ווינט אַבֿי־עד,
שׂר־שלום, אין שלאַכט —
זיבן, אַכט!
און פֿאַראַן איז — נישטאָ! און וואָס דאָ — איז געווען!
און וואָס ווערט — איז פֿאַראַן!
און וואָס ווערט — טוט געשען!
נייַן, צען!
און דאָס אַלץ, וואָס צעטיילט איז פֿון דרויסן — פֿאַראיינס!
פֿאַראיינס!
עלף, צוועלף —
און ווידער איינס!“...